# און איך האָב געמיינט אַז יאַנוש קאָרטשאַק איז גאָר געווען אַ ליץ...

**אָט דאָס הייליקע בילד פון קאָרטשאַק וואָס גייט אַרויף נאָך זיינע קליינינקע קינדערלעך אינעם טויט-וואַגאָן וועט אויף אייביק איינגעקריצט ווערן אינעם האַרץ פון אידישן פאָלק.**

◆ פון **יצחק גרינבוים***



1940. אויפן באַפעל פון די נאַציס ימ"ש, האָט זיך דער בית היתומים פון יאַנוש קאָרטשאַק איבערגעקליבן צום וואַרשעווער געטאָ.

זיין אמתער נאָמען איז געווען הענריק גאָלדשמיט, געבוירן אין אַן אַסימילירטער אידישער פאַמיליע.

דער פסעוודאָנים איז אַ ראָמאַנטיש-פּוילישער – אינעם גייסט פון דער משפחה-טראַדיציע. מיט דעם דאָזיקן נאָמען, וואָס שטאַמט פון היסטאָרישע מקורות פון די קאַמפן פון פּוילישן פאָלק און זיינע פּויערים, איז גאָלדשמיט אַריין אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט און דער אידישער דערציאונג, און מיט זיין טויט, צווישן די קינדערלעך וואָס ער האָט דערצויגן און צוזאַמען מיט זיי, האָט ער געהייליקט זיין נאָמען און עס האָט זיך געעפענט פאַר אים דער היכל-הקדושים פון אידישן פאָלק און זיינע העלדן.

כ'האָב מיך באַגעגענט מיט הענריק גאָלדשמיט ווען מיר זענען געווען ביידע סטודענטן אין דער וואַרשעווער אוניווערזיטעט, אויף דער מעדיצינישער פאַקולטעט.

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען צופעליק אין איינער פון די קלענערע צוקערניעס וואָס האָבן זיך געפונען קעגנאיבער דער אוניווערזיטעט. מיר האָבן געשמועסט איבער פאַרשיידענע ענינים און צווישן זיי וועגן די ענינים פון אידן אין דער אוניווערזיטעט און אויף דער וועלט. די ווערטער פון גאָלדשמיטן זענען דורכגעדרונגען מיט גיפטיקן שפּאָט. איך האָב מער געשוויגן ווי גערעדט, כ'האָב מיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו די רייד פון אָט דעם יונגן מענטשן, וואָס האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אַלטן, אַ מענטש מיט פיל פּראַקטיק, וואָס ווייסט אַז עס איז נישט כדאי צו מאַטערן די נשמה מיט דעם אַלעמען וואָס מענטשן רופן אָן מיטן נאָמען אידעאַל, ווייל אַלץ איז נאַריש און פּוסטע חלומות.

כ'האָב געוואוסט אַז עס איז אַ מאַסקע, וואָס יונגע מענטשן פון פאַרמעגלעכע, אַסימילירטע פאַמיליעס טוען אָן, כדי צו פאַרדעקן די פּוסטקייט אין זייער נשמות, דעם שפּאָט און גרינגשעצונג לגבי זייער אייגענער נאָענטער סביבה, אויף זייער נישט קענען געפינען פאַר זיך אַ גייסטיקע היים, זיך דערנענטערן צו זייערע פאָלקס-מאַסן. נאָך וועלכע עס לעכצט אַמאָל אַזוי שטאַרק זייער נשמה.

עס איז געווען דער געוויינלעכער סטיל ביי די בעסערע קינדער פון אַסימילירטע רייכע פאַמיליעס, וואָס האָבן מיט אייגענע אויגן געזען און געפילט, די פּוילעניש אין דער סביבה אין וועלכער זיי לעבן, הגם אויסערלעך האָט עס נאָך אויסגעזען שיין און פול גלאַנץ.

אויף מיר און מיינע חברים וואָס האָבן געלעבט אין אַ וועלט פון התלהבות, וואָס האָבן געגאָסן פון דער פרייד וואָס עס האָט זיי געשענקט די אידישע גייסטיקע היים, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן פאַר זיי אין איר גאַנצער שיינקייט און פּראַכט, האָט דער דאָזיקער סטיל געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק; ער האָט אָפּגעשטויסן און צוגעצויגן. עס האָט, אמת, אינטריגירט דער סקעפּטישער כלומרשטער אַלץ-ווייסער, אָבער עס איז גלייכצייטיק, געווען אַ רחמנות אויף די שאַרף-צונגיקע שפּאָטער און חוזק-מאַכער, וואָס זענען געווען געפאַנגען אין דער פּוסטער, פון יעדן גייסטיקן תוך אויסגעליידיקטער וועלט זייערער.

זינט דער דאָזיקער באַגעגעניש זענען אַוועק יאָרן און מיר האָבן זיך נישט באַגעגענט, ס'הייסט, מיר האָבן נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך אויסצושמועסן. איך האָב פאַרלאָזט די מעדיצינישע פאַקולטעט און ער האָט זי געענדיקט אַלס אַרצט, איך בין געווען אַריינגעטאָן אין דער וועלט פון ציוניזם וואָס איז געווען אַזוי ווייט פון דערקענטעניש און געפיל פון גאָלדשמיטן. און פּלוצים איז ער באַקאַנט געוואָרן נישט בלויז אַלס טאַלאַנטירטער פּוילישער שרייבער, נאָר אויך אַלס דער דיכטער פון אידישן קינד, די "מאָשקעלעך" און "סרולעקלעך", צו וועלכע ער האָט זיך דערנענטערט און זיין נשמה האָט זיך צוגעבונדן צו זיי ביז דעם טאָג ווען ער איז געגאַנגען בראש פון זיי צום טויט.



דער בית היתומים פון יאַנוש קאָרטשאַק אין וואַרשע.

קאָרטשאַק איז געווען פון נאַטור-אויס אַ פּעדאַגאָג, געקענט דאָס קינד און זיין וועלט, זיין שיטה איז געווען צו דערציילן דעם קינד פון זיין אייגענער קינדישער וועלט און נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשיות און לעגענדעס פון אַ פרעמדער וועלט. ער האָט געשאַפן אַ נייעם טיפּ פון אַ קינדער-צייטונג, אין וועלכער די קינדער פלעגן אַליין שרייבן וועגן דעם וואָס זיי קלערן און טראַכטן. וועגן זייערע באַדערפעניש און שטרעבונגען, וועגן אַלץ וואָס זיי זעען און הערן, ער האָט מיטגעלעבט זייער קינדעריש לעבן און זיך געהיט נישט אַריינצובריינגען צו די קינדער עפּעס פון דער וועלט פון די דערוואַקסענע. ער האָט געפונען אַ וועג צו די קינדערשע נשמות און איז זיי נאָכגעגאַנגען מיט גרויס ליבע, ווי אַ דערציער און אַ חבר, אַ פאָטער און פריינט. ער איז באַקאַנט געוואָרן ווי איינער וואָס האָט געעפענט נייע וועגן אין דער דערציאונג.

פון ווייטן האָב איך געהערט וועגן זיין רום, אַמאָל געלייענט זיינע דערציילונגען וועגן זיין דערציאונגס-אַרבעט, ערשט נאָך יאָרן האָבן מיר זיך ווידער באַגעגענט. ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. בעת מיין ווייַלן אין וואַרשע האָט ער מיך באַזוכט, כדי מיט מיר אַן עצה צו האַלטן זיך וועגן זיין עליה קיין ארץ ישראל. ער האָט שוין געהאַט געזען דאָס לאַנד, געלעבט אַ קורצע צייט אין איינעם פון די קיבוצים, קענען געלערנט און ליב באַקומען די פאַרשיידענע און אויסטערלישע טיפּן וואָס מ'באַגעגנט אין זיי, ער האָט מיר דערציילט, מיט אַ געוויסער שעמעוודיקייט וואָס ער האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן, אַז ער האָט בדעה זיך צו באַזעצן ערגעץ אין אַן אָפּגעלעגענעם ווייטן קבוץ און פירן אַן איינזאַם לעבן. ער וויל זיך נישט באַטייליקן אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויך נישט אין דער דערציאונג פון די קינדער. ער וויל זיין אַליין, דערווייטערן זיך, פונעם גערויש פונעם לעבן, אַבסערווירן, לערנען און קענען זיך אויסשמועסן מיט זיין אייגענער נשמה.

כ'האָב אים צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן כדי צוצואיילן זיין עליה. אָבער דאָס איז געווען אָנהויב אויגוסט 1939 און דעם ערשטן סעפּטעמבער האָבן זיך די מאָטאָריזירטע דייטשע קאָלאָנעס אַריינגעריסן קיין פּוילן און איינגענומען דאָס לאַנד אין משך פון געציילטע טעג. קאָרטשאַק איז געבליבן אין פּוילן. ס'איז אים נישט געקומען אויף דער מחשבה עולה צו זיין דעמאָלט, אין יאָר 1940, ווען אַנדערע האָבן עולה געווען. ער איז געבליבן מיט זיינע קינדער, מיט זיין יתומים-היים אויף דער קראָכמאַלנא גאַס. ער האָט געלעבט מיט זיי און זיי באַשיצט.

איך קען נישט די פּרטים פון דעם דאָזיקן לעבן, אָבער עס איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן ווי עס האָט אויסגעזען אין די יאָרן פון הונגער, פּיין און דערנידערונג, וואָס אידן האָבן זיך אָנגעליטן נאָך פאַר זייער פאַרניכטונג. קאָרטשאַק האָט געוואַכט איבער זיינע קינדערלעך, געווען פאַר זיי אַ פאָטער, אַ ברודער, אַ חבר און באַשיצער.

ביז עס איז געקומען דאָס יאָר 1942, דאָס יאָר פון פאַרניכטונג. עס איז געקומען די ריי אויף די קינדער, אויף די קינדער פון יתומים-היים, וואו קאָרטשאַק איז געווען לייטער און דערציער. ער האָט זיך געקענט ראַטעווען, ווי מ'האָט דערציילט, און האָט נישט געוואָלט. ער האָט נישט געוואָלט, נישט געקענט פאַרלאָזן זיינע צום טויט געפירטע קינדערלעך. געגאַנגען בראש פון זיי, אין איין האַנט האָט ער געטראָגן אַ קראַנק קינד און מיט דער צווייטער האַנט געפירט אַ קליין קינד וואָס איז געגאַנגען נעבן אים, און נאָך זיי, אַלע איבעריקע קינדער, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, קיינער האָט נישט געוויינט, נישט געקלאָגט. ווייל מיט זיי איז געווען זייער לערער און דערציער, זייער חבר און פריינט, דער אָנשפּאַר און באַשיצער זייערער.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען צו די וואַגאָנען וואָס האָבן זיי געפירט קיין טרעבלינקע. קאָרטשאַק האָט פריער אַריינגעפירט זיינע קינדערלעך אין וואַגאָן און איז אַריין אַליין דער לעצטער. איינער אַ דייטשער אָפיציר האָט אין דער לעצטער מינוט געפּרוואוט ווירקן אויף אים ער זאָל זיך ראַטעווען. קאָרטשאַק האָט זיך געפילט באַליידיקט און געענטפערט דעם אָפיציר מיט זידל-ווערטער און פאַראַכטונג. ער איז אַרויף אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן און פאַרשוואונדן. מער האָט מען אים נישט געזען.

אָט דאָס הייליקע בילד פון קאָרטשאַק וואָס גייט אַרויף נאָך זיינע קליינינקע קינדערלעך אינעם טויט-וואַגאָן וועט אויף אייביק איינגעקריצט ווערן אינעם האַרץ פון אידישן פאָלק.

*) יצחק גרינבוים ע"ה (1879-1970) איז געווען אַ ציוניסטישער פירער אין פּוילן צווישן די צוויי וועלט מלחמות און דער רעדאַקטאָר פון די זשורנאַלן "היינט", "הצפירה" און "העולם" אין פּוילן. ער האָט געדינט אַלס דער ערשטער אינערן מיניסטער פון ישראל.




דער געשטאַלט פון יאַנוש קאָרטשאַק אין דעם אידישן בית עולם אין וואַרשע.

## ווער האָט געזאָגט אַז עס איז דאָ אַ סתירה צווישן תנ"ך און וויסנשאַפט?

פאָרזעצונג פון זייט זיבן

פאַראינטערעסירט זיך דען נישט אין זיי?

דאָס איז אָבער אַ געדמיונטע מציאות, וואָס אַנטפּלעקט זיך בלויז צו די ברילן פון די אַזוי-גערופענע זעלבסט-באַטיטלטע "טראַכטנדיקע מענטשן", וועלכע פאַרגעסן אייגנטלעך צו טראַכטן, אָדער טראַכטן אויף זייער אַ פּלאַטשיקן ניוואָ.

דר. שרודער אין זיין בוך באַווייזט, אויף זיין אייגנאַרטיקן און געניטן אופן, נישט בלויז צו צעשמעטערן די דאָזיקע מיטאָסן אויף פּיצלעך, נאָר אויך צו באַזאָרגן נאַוויגאַציע צו די אַלע יונגע שיפלעך וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אין די שטורעמדיקע ווינטן, אויפן ים פון דער בושעווענדיקער פלאַטשיקייט; אויפצוקלערן די יונגע מוחות, אַז דאָס קניען און בוקן זיך צו דער וויסנשאַפט, און בעיקר צו דער טעכנאָלאָגיע, האָט אויך (אויב נישט בעיקר) בייגעשטייערט זיין חלק צו דער אינטעלעקטועלער אויבערפלעכלעכקייט, צו דער מאָראַלישער אָפּשוואַכונג און אידעאָלאָגישער נייטראַליטעט, וואָס האָט זיך צווישן אונז פאַרשפּרייט.

דער מחבר באַמיט זיך אויפצואווייזן, מן-הסתם הויפּטזעכלעך צום דורכשניטלעכן יונגן לייענער, אַז די וועלט פון תורה און אמונה איז גאָרנישט ווייניקער רייך ווי די קאָכעדיקע סעקולער-קולטורעלע וועלט, וואָס זידט און קאָכט זיך אינעם פייער וואָס זי האָט אָנגעצונדן דורכן אויפבויען איר קולטור אין אַ "דרוקטאָפּ", נאָך ביים פרימאָרגן פון דער השכלה-עפּאָכע, אויסקריצנדיק אויף איר פאָן קאַנט'ס סלאָגאַן: "דערוואַג זיך צו וויסן!" איז דען דער מענטש באמת פעאיק אַלץ צו וויסן און באַגרייפן?

אין דעם בוך ווערן אויפגעדעקט פאַרכאַפּנדיקע ביישפּילן, ווי די מאָדערנע וויסנשאַפט קומט זיך צוזאַמען מיט תורת ישראל, אָדער פּינקטלעכער געזאָגט: ווי דער תנ"ך אַנטהאַלט די לעצטע וויסנשאַפטלעכע אויפדעקונגען און חידושים. אין אַ פיינעם און זאַפטיקן דיאַלאָג, בינדט דער מחבר צוזאַמען דעם אידישן עבר מיט דער וויסנשאַפטלעכער קעגנוואַרט, און דערמיט שליסט ער זיך אָן אין אַ גאַנצער ריי ביכער, וואָס שטעלן פאָר דעם געדאַנקענגאַנג פון קעגנזייטיקע ווירקונגען וואָס הערשן צווישן דער תורהדיקער השקפה און, להבדיל, דער מאָדערנער וויסנשאַפט.

מ'קען נישט איגנאָרירן דעם פענאָמען פון די פיל קאָמענטאַטאָרן, וועלכע פירן דיאַלאָגן מיט דער "אידישער ספרים-שאַפע" און גיבן צושטייער בענד צו דער פּאָליצע, וואָס פילט זיך אָן אַלץ מער און מער - פּונקט ווי מ'קען נישט איבערטרייבן אין דער וויכטיקייט פון דער דאָזיקער דערשיינונג. צווישן זיי, געפינען זיך די ביכער פון דעם פיזיקער פּראָפעסאָר יהודה לוי פון ירושלים און די פען-שאַפונגען און פאָרשונגען פון פיל וויסנשאַפטלער, וועלכע וואַקסן און פאַרמערן זיך אין דער לעצטער תקופה. שרודערס בוך איז נאָך אַ רינגעלע וואָס שטאַרקט די קייט און ציט זי אויס נאָך לענגער אין דער ריכטונג פון שטרעבונגען נאָך דער דערגרייכונג פונעם אמת.

דער תנ"ך האָט זיך פאַרדינט די "ערשטע רעכט" אויף פיל אידייעס, מאָראַלישע אויפפאַסונגען און סאָציאַלע טעאָריעס; צווישן זיי, אויך אַזעלכע וואָס די מערב-קולטור האָט זוכה געווען צו קענען און אַדאָפּטירן ערשט הונדערטער יאָרן נאָכדעם וואָס דער ספר איז צום ערשטן מאָל דערשינען - און אָט שטעלט זיך אַרויס, אַז דער "ספר הספרים" האָט די פּריאָריטעט-רעכט אויך אויף די מאָדערנע אויפדעקונגען פון דער פאָרגעשריטענער וויסנשאַפט, וואָס זענען שוין פון לאַנג אָן פאַרקערפּערט צווישן די פילע בלעטער פונעם תנ"ך.

"פון אַלע אוראַלטע שילדערונגען וועגן דער בריאה, טוט בלויז די שילדערונג אין תנ"ך, אין ספר בראשית, באַרעכטיקן אַ ווענדונג צו דער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט צו לייענען דאָס ספר נאָכאַמאָל," שרייבט שרודער. יעדע פאָלק האָט אַנטוויקלט זיינע אידייעס און גלויבונגען לגבי דעם טאָג-טעגלעכן לעבן, דער פאַרגאַנגענהייט, דער צוקונפט, און די כוחות וואָס געוועלטיקן אין דער נאַטור און אין לעבן. אָבער די שילדערונג פון די ששת ימי בראשית אין די פּסוקים פון דער תורה איז אייגנאַרטיק. זי איז די איינציקע אמתע דערציילונג פון וועלט-באַשאַף.

שרודער האַלט אַז די טעאָריעס פון דער היינטיקער וויסנשאַפט אויפן געביט וועלט-באַשאַף קענען אויך אַריינגעטייטשט ווערן אין די פּסוקים. אָבער אין אמתן אַריין, דאַרף זיך די תורה נישט פאַרענטפערן, אָדער צושטעלן צו דער וויסנשאַפט. העכסטנס דאַרף זיך די וויסנשאַפט צושטעלן צו דער תורה.

## דער איינאונאיינציקער קלמן קאָוול

פאָרזעצונג פון זייט צען

הונדערט יאָר אַלט! דאָס איז אייער אַרבעט, און ניט צו פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט מיין עלטער. איך ווייס ווי אַלט איך בין!"

אַז ער האָט באַזוכט ווילנע צו זיינע צוויי=און=נייינציק יאָר האָט ער פּרובירט געפינען דעם אַדרעס וואו זיין משפחה האָט אַמאָל געוואוינט אויף "די לינקע שניפּישאָק", פרעגנדיק וועגן קרובים וואָס האָבן דאָרטן געלעבט אַרום 1910. די איינוואוינער האָבן אים געענטפערט: "טייערינקער, דאָ לעבט מען ניט אַזוי לאַנג, מיר האָבן ניט פאַר אייך עמעצן וואָס קען געדענקען יענע יאָרן".

ער איז נפטר געוואָרן שטילערהייט ביי זיך אין דער היים, אַז ער איז במנוחה איינגעשלאָפן כאַפּן אַ דרעמל אין זיין באַליבטן פאָטעל, ביים פענצטער מיטן אַרויסקוק איבערן טייך צו מאַנהעטן צו, און זיין באַליבטן וואולוואָרט בילדינג, אַ צוויי חדשים פאַר זיין



אין ניו יאָרק אין 1980: קלמן קאָוול אין אַמאָליקן בנין פון "ייוואָ" אויף דער פינפטער עוועניו מיט צוויי יונגע סטודענטן פון אידיש. אינמיטן: ראָבערט מאַקאַליסטער פון בעלפאַסט, צפון אירלאַנד; לינקס: טים וויוועל פון אָקספאָרד, ענגלאַנד, וועלכער איז היינט אַן אָנגעזעענער זשורנאַליסט אין דער "בי בי סי" אין לאָנדאָן, און האָט אַ לעבנלאַנגן אינטערעס צו אידיש און אידישע פּראַגן.

זיבן=און=נייינציקסטן געבורטסטאָג אין 1997.

די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט ער שטאַרק געבעטן, אַז די אונטערגייענדיקע פּראָגראַם פון אידיש אין אָקספאָרד זאָל האָבן אַ המשך אין... ווילנע, און מ'האָט יענע צייטן גענומען פּלאַנירן דאָ אין ווילנע די ערשטע פיר=וואָכיקע אינטענסיווע זומער=פּראָגראַם, טיילווייז מיט די זעלבע לערער וואָס אַמאָל אין אָקספאָרד. די קורסן גופא האָבן זיך מיט גרויס דערפאָלג גענומען אין וועג אַריין אין 1998, און דעם קומעדיקן זומער מירצעשעם וועט מען פייערן דעם צען=יאָריקן יובל פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער זומער=פּראָגראַם פון אידיש וואָס האָט זיך גענומען אין וועג אַריין אין אַ ניט=קליינער מאָס אַדאַנק דער אינספּיראַציע און דער דערמוטיקונג און חיזוק לב פון קלמן קאָוול, זכרונו לברכה.

פון זינט ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אידיש, בערך צו זיינע שבעים שנה, האָט קלמנען פאַרכאַפּט אויך דער טראַדיציאָנעל=פרומער אידישער לעבן. ווען נאָר מעגלעך, פלעגט ער אויסזוכן אַ היימישע שטיבל אָדער מנין אָדער שיעור און קוועלן מיט גרויס הנאה פון אַלצדינג, שטראַלנדיק מיט יעדן וואָרט.

אפשר איז עס ניט קיין חידוש וואָס דעם וואַרעמסטן אָפּקלאַנג האָט ער געפונען ביי שלוחים פון חב"ד. אינעם בנין וואו ער האָט געלעבט אין ברוקלין האַיטס, האָט געלעבט אויך הרב אהרן ראַסקין נ"י, דער שלוח חב"ד אין ברוקלין האַיטס. ער האָט קלמנען מקרב געווען און קלמן האָט זיך דערפרייט מיטן גיין אין שוהל, בפרט אויף יום=טובים. איין סדר האָבן מיר אָפּגעפּראַוועט אינאיינעם ביי הרב ראַסקינען. דער עולם האָט געקוועלט, אַז קלמן האָט געפרעגט די פיר קשיות ווי דורך די דורות, אַ פּראַזע אויף לשון קודש און אַ פּראַזע אויף אידיש. קלמנען האָט אויך זייער גוט באַפריינדעט הרב מאָטל חן נ"י וועלכער האָט אים אַרויסגעוויזן אַ האַרציקע ידידות.

אָבער וואָס איז מכח קלמן קאָוולס גלייבונגען און אמונה? אַז מ'האָט ביי אים געפרעגט, פאַרוואָס ער גייט אויף אַזויפל רעליגיעזע "זאַכן", פלעגט



אין אָקספאָרד, ענגלאַנד אויף דער ערשטער אָקספאָרדער זומער=פּראָגראַם אין 1982: מיט פיניע פּאָגעל פון פּאַריז, וועלכער איז היינט צו טאָג אַן ענערגישער טוער און אַ באַליבטע פערזענלעכקייט אין די סביבות פון אידיש אין פּאַריז.

ער ענטפערן: "איך בין אַליין ניט קיין גלייביקער, און איך קען עס ניט דערקלערן, איך האָב עס אַלצדינג אַזוי ליב. עס איז אַזוי שיין, איך וואָלט ניט געוואָלט לעבן אָן דעם."

מיט אַ סך יאָר צוריק האָבן אַ גרופּע ברוקלינער ליובאַוויטשער וואָס קלמן האָט "אויך געפונען אויפן סאָבוויי און באַפריינדעט" (צי זיי האָבן אים געפונען?) מיט דער צייט מסדר געווען קלמנען אַ יחידות מיטן רבין, ר' מנחם מענדל שניאורסאָן זצ"ל.

מיר, דאַמאָלסט קלמנס אינגערע און יונגע פריינט, האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט צו הערן פון קלמנען, וואָס מ'האָט דאָרטן גערעדט. טייל זכרונות וועגן קלמנס באַריכט דערוועגן וועלן מוזן וואַרטן אויף אַן אַנדער איגרתל, נאָר דער עיקר האָט ער זייער קורץ=און=שאַרף איבערגעגעבן, טאַקע מיטן קלמנותדיקן טאָן:

"ס'געווען אַזוי. דער רבי האָט ביי מיר געפרעגט צי איך וויל אים ניט עפּעס זאָגן. האָב איך אים געזאָגט: 'רבי, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב ניט קיין אמונה?' האָט דער רבי מיר גלייך געענטפערט: 'אַז איר אַליין ווייסט דאָס, דאגה איך ניט וועגן אייך'.